בס"ד

# דעם רבינ'ס ליכט

תרומה תשפ"ב

גליון 79

א פורים שפיל

אדר א'?!

זייט 3



אַיֶיעֶרֶע קִינְדֶער זָאלְט אִיר מוֹדִיעַ זַיין וָואס דָא הָאט זִיךְ גִיטָאן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוּטְן לֶעכְטִיגְן שַׁבָּת פַאר אַלֶע טַייעֶרֶע קִינְדֶער**

"מַיין טַייעֶר לִיבֶּער קִינְד! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט יֶעצְט וָואס דִיר צוּ שְׁרֵייבְּן; וַוייל אִיךְ בִּין הַיינְט אַרוֹיס פוּן מַיין שְׁטוּבּ, אוּן עֶס אִיז מִיר נִישְׁט אַיינְגֶעפַאלְן עֶפֶּעס וָואס אִיךְ זָאל דִיר שְׁרֵייבְּן." דָאס זֶענֶען דִי וֶוערְטֶער מִיט וֶועלְכֶע ר' נָתָן הֵייבְּט אָן זַיין בְּרִיוו צוּ זַיין בַּאלִיבְּטְן זוּן ר' יִצְחָק פוּן טוּלְטְשִׁין. שְׁרֵייבְּט ר' נָתָן וַוייטֶער, "נָאר וִויבַּאלְד אַז אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁרִיבְּן אַ בְּרִיוו צוּ מַיין פְּלִימֶענִיק ר' אַיְיזִיק, הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְמַאנְט ווִי שְׁטַארְק דִי וַוארְטְסְט אִיךְ זָאל דִיר שְׁרֵייבְּן."

זָאלְסְט וִויסְן מַיין זוּן - אַז מַיין צַעַר אִיז זֵייעֶר גְרוֹיס. דָאס לֶעצְטֶע מָאל וֶוען דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען בַּיי מִיר אִין שְׁטוּבּ אוֹיף אַ בַּאזוּךְ, בִּיסְטוּ נִישְׁט גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אוּן דַיין הַארְץ אִיז גֶעוֶוען צֶעבְּרָאכְן, פַאר מִיר אִיז דָאס גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ פַארְטְרָאגְן.

פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן גְלֵייבּ אִיךְ אוּן אִיךְ ווֵייס אַז מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט נָאךְ דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער רַחֲמָנוּת אוֹיף מִיר אוּן אוֹיף דִיר אוּן אוֹיף אוּנְז אַלֶע, עֶר וֶועט אוּנְז קַיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן - וָואס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט זַיין - וֶועט צוּם סוֹף זַיין זֵייעֶר גוּט מִיטְ'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף, וַוייל מִיר הָאבְּן אוֹיף וֶועם זִיךְ צוּ פַארְלָאזְן, אוֹיפְ'ן רֶבִּי'נְס גְרוֹיסְן כֹּחַ!

פוּן יֶעצְט פָאלְג וָואס אִיךְ בַּאפֶעל דִיר! בִּיטֶע, מַאךְ דִיךְ פְרֵיילִיךְ - מִיט וָואס דוּ קֶענְסְט נָאר! בִּפְרַט אִין דִי טֶעג פוּן חֹדֶשׁ אֲדָר וָואס חֲזַ"ל זָאגְן "מִשֶּׁנִּכְנָס אֲדָר מַרְבִּים בְּשִׂמְחָה". "שְׁפִּיל דֶעם אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ שְׁפִּיל" אָדֶער "דֶער קַבְּצָן מִיטְ'ן עוֹשֶׁר שְׁפִּיל" אָדֶער "דֶער ווִינְטֶער מִיטְ'ן זוּמֶער שְׁפִּיל" א.ד.ג.

נִישְׁט נָאר דוּ, נָאר אַלֶע אוּנְזֶערֶע לַייט דַארְפְן זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ דוּרְךְ אַלֶערְלַיי 'מִילֵי דִשְׁטוּתָא', אוּן זַיין אַלֶעמָאל פְרֵיילִיךְ... אוּן פָּארְט פְרֵיילִיךְ... אוּן פָּארְט אוּן פָּארְט...

*דַיין טַאטֶע נָתָן מִבְּרֶעסְלֶב א' תְּרוּמָה תקפ"ג*

**וָואס זָאגְן אַייךְ קִינְדֶערְלֶעךְ אוֹיף אַזַא בְּרִיוו?!**

פַארְוָואס אִיז דֶער וֶועג אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן טְרוֹיעֶר מִיטְ'ן מַאכְן זִיךְ נַארִישׁ???

עֶס אִיז דָא גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע תּוֹרָה אִין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט דֶער תּוֹרָה, הָאט עֶר זִיךְ גֶעדַארְפְט אַרוּמְבִּינְדְן זַיין הֵיילִיגֶע פָּנִים מִיט אַ טַאשׁ-טִיכְל פוּן גְרוֹיס לֶעכְטִיגְקֵייט וָואס הָאט גֶעלוֹיכְטְן אוֹיף זַיין פָּנִים! תּוֹרָה כ"ד אִין עֶרְשְׁטְן חֵלֶק. דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, "אַז אַ אִיד טוּט אַ מִצְוָה מִיט שִׂמְחָה, קֶען עֶר אָנְקוּמֶען צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵגוֹת". וֶוען ר' נָתָן הָאט גֶעהֶערְט דִי תּוֹרָה הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר צוּפְלַאמְט אוּן צוּקָאכְט, עֶר הָאט מְחַדֵּשׁ גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע גֶעוַואלְדִיגֶע הֲלָכוֹת אוֹיף דֶער תּוֹרָה.

לָאמִיר כַאפְּן אַ בְּלִיק אִין אֵיין הֲלָכָה; "דֶער עִיקָּר קְדוּשָּׁה אִיז שִׂמְחָה - אַז מֶען אִיז פְרֵיילִיךְ. דָאס מֵיינְט אַז אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ מִיטְ'ן בַּאשֶׁעפֶער. וֶוער עֶס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, דַארְף אַלֶעמָאל זַיין פְרֵיילִיךְ. דָאס קֶען מֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיסְשְׁרַייבְּן ווִי שְׁטַארְק מֶען דַארְף זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט אוּנְזֶער חֵלֶק אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוּנְז אוֹיסְדֶערְוֶועלְט פוּן אַלֶע פֶעלְקֶער, מְחַקְרִים אוּן אֶפִּיקוֹרְסִים, וֶועלְכֶע זֶענֶען אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע זַייט פוּן קְדוּשָּׁה - זֵיי גֵייעֶן אוֹיף דִי וֶועגְן פוּן הָמָן אוּן עֲמָלֵק."

המשך אויף זייט 8

## רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן

ר' לֵוִי יִצְחָק בֶּענְדֶער ז"ל הָאט דֶערְצֵיילְט דִי פָאלְגֶנְדֶע:
ר' נַחְמָן גָאלְדְשְׁטֵיין דֶער "טְשֶׁערִינֶער רַב," – דֶער בַּאוואוּסְטֶער גָּאוֹן עוֹלָם וָואס הָאט אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן אַסַאךְ הֵיילִיגֶע סְפָרִים, ווִי 'פַּרְפְּרָאוֹת לַחָכְמָה', 'אוֹצַר הַיִּרְאָה', 'יְקָרָא דְשַׁבַּתָּא', 'זִמְרַת הָאָרֶץ' אוּן נָאךְ אוּן נָאךְ סְפָרִים. (אִי"ה בַּיי אַן אַנְדֶערֶע גֶעלֶעגְנְהַייט ווֶעלְן מִיר דֶערְצֵיילְן מֶער בַּאֲרִיכוּת אִיבֶּער דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן טְשֶׁערִינֶער רַב.)

"דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְס צִיוּן. יֶענֶע צַייטְן אִיז דֶער צִיוּן גֶעווֶען אַלֶעמָאל פַארְשְׁלָאסְן, דִי שְׁלִיסְל אִיז גֶעלֶעגְן בַּיי ר' נַחְמָן (חַזָּן) טוּלְטְשִׁינֶער אִין שְׁטוּב. אַז מֶען הָאט גֶעווָאלְט גֵיין צוּם צִיוּן פְלֶעגְט מֶען גֵיין צוּ ר' נַחְמָן נֶעמֶען דֶעם שְׁלִיסְל.

דָאסְמָאל ווֶען דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז גֶעקוּמֶען צוּם צִיוּן, אִיז אוֹיךְ מִיטְגֶעקוּמֶען ר' אַבְרָהָם חַזָּן דֶער זוּן פוּן ר' נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער (מֶען רוּפְט אִים ר' אַבְרָהָם בֶּן ר' נַחְמָן) - אוּן גֶעגַאנְגֶען מִיט אִים צוּזַאמֶען אוֹיפְן צִיוּן, אַלְס כָּבוֹד פַאר טְשֶׁערִינֶער רַב.

ר' אַבְרָהָם זֶעט ווִי דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב אִיז אַרַיין אוֹיפְ'ן צִיוּן אוּן הָאט גֶענוּמֶען אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן צוּגֶעלֵייגְט צוּ דִי אוֹיגְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהֶערְט קַיין אֵיין ווָארְט פוּן אִים. נָאךְ אַפָּאר מִינוּט כַאפְּט ר' אַבְרָהָם אַ בְּלִיק אוֹיפְ'ן טְשֶׁערִינֶער רַב אוּן בַּאמֶערְקְט ווִי "רִיטְשְׁקֶעס [טֵייכְן] טְרֶערְן הָאבְּן זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן דֶער זַייט אוּן פוּן דֶער זַייט, גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט!" שָׁעוֹת הָאט זִיךְ גֶעגָאסְן פוּן אִים טְרֶערְן.

דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב הַאלְט נָאךְ דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן זָאגְט אוּן זָאגְט. אַזַא אִיד אַזַא צַדִּיק, אַזַא לַמְדָן. זָאל אַזוֹי לַאנְג זָאגְן אוּן ווֵיינֶען, אוֹיף וָואס ווֵיינְט עֶר?!

מִיר ווֵייסְן דָאךְ זֵייעֶר קְלָאר אַז עֶר אִיז גֶעווֶען גָאר אַ הֵיילִיגֶער מֶענְטְשׁ, אַ גֶעוואַלְדִיגֶער צַדִּיק, עֶר אִיז שׁוֹין אַן עֶלְטֶערֶע אִיד, אוּן נָאכְאַלְץ הַאלְט עֶר דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוֹיף דִי אוֹיגְן אוּן עֶס גִיסְט רִיטְשְׁקֶעס טְרֶערְן?! פוּן ווַאנֶעט נֶעמְט זִיךְ דָאס? נָאר ווִיבַאלְד עֶר אִיז דָאךְ אַזוֹי נָאנְט צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר ווֵייסְט דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְנְ'ס גְרוֹיסְקֵייט – ווִי מֶער אַ מֶענְטְשׁ אִיז גְרֶעסֶער, אִיז זַיין בּוּשָׁה אוֹיךְ גְרֶעסֶער – עֶר שֶׁעמְט זִיךְ מֶער פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

דֶער טְשֶׁערִינֶער רַב ווֶען אִיז שׁוֹין גֶעווָארְן מִיד, הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶענוּמֶען אַ פַּאטְשֵׁיילֶע [טַאשׁ-טִיכְל], אוּן אַרָאפְּגֶעלֵייגְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן עֶר הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד, אוּן אַזוֹי מַמְשִׁיךְ גֶעווֶען מִיט זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֲבוֹדוֹת, קַיין בֶּענְקֶעלֶער אִיז דָאן נִישְׁט גֶעווֶען צוּ גֶעפִינֶען אוֹיפְן צִיוּן אַלְס כָּבוֹד פוּן דֶעם הֵיילִיגְן אָרְט.

טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, וָואס קֶענֶען מִיר זִיךְ אָפְּלֶערְנֶען פוּן טְשֶׁערִינֶער רַב? אַזוֹי ווִי מִיר הַאלְטְן בַּיי דִי אוּנְטֶערְשְׁטֶע צְווֵיי ווָאכְן פוּן שׁוֹבָבִים ת"ת, לָאמִיר פְּרוּבִּירְן צוּ נֶעמֶען אַ תִּיקּוּן הַכְּלָלִי אוּן צוּלֵייגְן אַבִּיסְל הָארְץ, ווִיפִיל מֶעגְלִיךְ, אוּן בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל אוּנְז גֶעבְּן אַ רֵיינֶעם מֹחַ, רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוּן פְּרֵיילִיכְקֵייט מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ לִיבְשַׁאפְט צוּ זַיין תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת אוּן פָאלְגְן אַלֶע עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.



***קִינְדֶער מִיר זֶענֶען שׁוֹין צְווֵיי וָואכְן נִישְׁט גֶעוֶוען בַּאזוּכְן אִין חֵדֶר "אַהֲבָה וְשִׂמְחָה" וָואס טוּט זִיךְ דָארְט מִיט אוּנְזֶערֶע חֲבֵרִים? שְׁמוּאֵלִ'י, וֶועלְוְול מִיט יוֹסִי אוּן אַבְרָהָם, לֶעזֶער הָאט שׁוֹין עֶפֶּעס בַּאקוּמֶען 'אַהֲבָה אָדֶער שִׂמְחָה'? עֶס הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אָנְגֶעקְלֶעפְּט אִין אִים פוּן דֶער נָאמֶען פוּן זַיין תַּלְמוּד תּוֹרָה?***

***לָאמִיר שְׁטִילֶערְהֵייט אַרֵיינְקוּקְן פוּן פֶענְסְטֶער... יֶעצְט אִיז דָארְטְן פּוּנְקְט אִינְמִיטְן הַפְסָקָה, ששש....***

**יוֹסִי:** רַבּוֹתַי, ס'אִיז חֹדֶשׁ אֲדָר, ס'אִיז צַייט צוּ זַיין לֶעבֶּעדִיג. הַיינְט בַּיי הַלֵּל הָאט מֶען שׁוֹין גֶעזִינְגֶען 'שׁוֹשַׁנַּת יַעֲקֹב' מִיט 'עַד דְּלֹא יָדַע'.

**אַבְרָמִי:** יָא, דָאס יָאר וֶועט זַיין אַ פּוּרִים שְׁפִּיל, "אַזָאנְס אוּן אַזֶעלְכְטְס".

**וֶועלְוְול:** אַן עִבּוּר יָאר, דַארְף זַיין אַ דָאפְּלְטֶע שְׁפִּיל צוּם גֶעדֶענְקֶען, נִישְׁט אַזוֹי?



**לֶעזֶער שְׁרַייט:** אַזוֹי ווִי אַלֶע יָארְן ווִיל אִיךְ אוֹיךְ דָאס יָאר פִירְן דֶעם שְׁפִּיל!

**אַבְרָמִי:** וָואס אִיז נָאר גֶעוֶוען לֶעצְטֶע יָאר?

**יוֹסִי:** דִי סָאלְדָאטְן מִיט דְרַיי הֶערְנֶער...

**וֶועלְוְול:** נֵיין, דָאס אִיז גֶעוֶוען צְווֵיי יָאר צוּרִיק.

**לֶעזֶער:** דָאס יָאר וֶועל אִיךְ מַאכְן, עֶפֶּעס... אִיךְ ווִיל נָאכְנִישְׁט אַלֶעס אוֹיסְזָאגְן, עֶנְק קֶענֶען הַאלְטְן פַארְמַאכְט דָאס מוֹיל? אוֹיב אַזוֹי וֶועל אִיךְ עֶנְק עֶפֶּעס אוֹיסְזָאגְן. גְרֵייטְס אָן, 'שִׁיפְס קַאפִּיטַאנֶען', 'פָּאלִיצֵיי מַאנְדִירְן', גְרָאבֶּע שְׁטֶעקֶענֶעס אִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן מִיט גּוּמִי דֶערוֹיף, הֶע... אִיךְ רֶעדְט שׁוֹין צוּפִיל...

**יוֹסִי:** לֶעזֶער, אוּנְז הָאבְּן נִישְׁט אַזֶעלְכֶע שְׁטַארְקֶע מוּסְקְלֶען ווִי דִיר, אִיךְ מֵיין דָאס יָאר זֶענֶען מִיר שׁוֹין אַרוֹיף אַ כִּתָּה, אוּנְז ווִילְן עֶפֶּעס מֶער אַ גוּטְס!

**וֶועלְוְול:** אִיךְ מֵיין אוֹיךְ אַזוֹי. אַ שְׁפִּיל וָואס זָאל אָפְּשְׁפִּיגְלֶען דֶער נָאמֶען פוּן אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה. דִי שִׂמְחָה וֶועט זִיךְ צוּשְׁפְּרֵייטְן פַאר וֶוער עֶס וֶועט נָאר שְׁטֵיין אִין אוּנְזֶערֶע פִיר אַמּוֹת!

**אַבְרָמִי:** שְׁמוּאֵלִי, וָואס זָאגְסְטוּ? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ דָאס יָאר אָנְפִירְן דֶעם פּוּרִים-שְׁפִּיל? דוּ בִּיסְט אַ בַּאזֶעסֶענֶער אִינְגְל, מִיט אַ גְרָאדְן שֵׂכֶל!

**וֶועלְוְול:** אוֹיב שְׁמוּאֵלִי וֶועט עֶס אָנְפִירְן וֶועט בֶּאֱמֶת יֶעדֶער זַיין צוּפְרִידְן.

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ הָאבּ גְרָאדֶע אַ גֶעדַאנְק וָואס אִיךְ טְרַאכְט שׁוֹין דֶערְפוּן אַ וָואךְ צַייט. מִיר וֶועלְן פָּארְשְׁטֶעלְן ווִיאַזוֹי דִי וֶועלְט גֵייט אוֹיסְזֶען...

**חַיִּים אָשֵׁר:** ווִי אַזוֹי אוֹיסְזֶען?!

**שְׁלֹמֹה:** ס'אִיז אַבִּיסְל שְׁרֶעקֶעדִיג!! וָואס גֵייט זִיךְ טוּישְׁן אִין אוּנְזֶער וֶועלְט?!

**נָתִי:** אִיךְ צִיטֶער!

**שְׁמוּאֵלִי:** נֵיין, ס'אִיז נִישְׁט שְׁרֶעקֶעדִיג, עֶס וֶועט זַיין גָאר אַ שֵׁיינֶע וֶועלְט. מֶען וֶועט מַאכְן אַ שְׁפִּיל וואוּ מֶען הַאלְט שׁוֹין נָאךְ דִי גְאוּלָה!

**קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס:** וָאוּ, הוּ הָא!!!

**שְׁמוּאֵלִי:** חֲבֵרִים, הַאלְטְס עֶנְק רוּאִיג, לָאמִיר צֶענֶעמֶען דִי זַאךְ. אֵיינֶער פוּן דִי קִינְדֶער וֶועט אוֹיסְמָאלְן אַ שֵׁיינֶע 'בֵּית הַמִּקְדָּשׁ'; אֵיינֶער וֶועט מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע הֶערְלִיכֶע שְׁטוּל - דָארְט וֶועט מֶען אַרוֹיפְזֶעצְן אוּנְזֶער חָשׁוּבֶ'ער רֶבִּי ר' מֹשֶׁה אַהֲרֹן שְׁלִיטָ"א, אוּן אַלֶע קִינְדֶער וֶועלְן בְּרֶענְגֶען אֵיינְגֶערַאמְטֶע פִּישְׁקֶעס אִין דֶעם וֶועט לִיגְן נְדָבוֹת פַאר דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, מִיר וֶועלְן דָאס גֶעבְּן פַאר דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר וֶועט דָאס טְרָאגְן צוּם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

**אַבְרָמִי:** וָואס לֵייגְט מֶען דָארְט אַרֵיין אִין דִי פִּישְׁקֶעס? גָאלְד? תְּכֵלֶת?

**לֶעזֶער:** אֶפְשָׁר זִילְבֶּער? דִי חַיָּה, "סַסְגּוֹנָא"?

**שְׁמוּאֵלִי:** נֵיין נִישְׁט סַסְגּוֹנָא אָבֶּער עֶפֶּעס וָואס דֶערְמַאנְט פוּן אִירֶע שֵׁיינֶע קָאלִירְן.

**לֶעזֶער:** תְּכֵלֶת, וָואס דַארְף מֶען בְּרֶענְגֶען, רֶעדְט קְלָאר!

**המשך אויף זייט 7**

~ דִי צְווֶעלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

# דֶער בַּעַל תְּפִלָּה

~8~




ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע גֵייעֶן מֶענְטְשְׁן אוּן בֶּעטִין גָאט בָּרוּךְ הוּא. אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵּל. אוּן זֵיי טְרָאגִין סְפָרִים פוּן תְּפִילוֹת. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁרָאקִין פַאר זֵיי. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ פַאר אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵּל זַיין.

דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט. וֶוער זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען כַּנַּ"ל. הָאט זִיךְ דֶעמוּלְט דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת. דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס. אוּן דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס (אַזוֹי ווִי פְרִיר אִיז גִישְׁטַאנֶען דִי אַלֶע כִּתּוֹת) דֶעמוּלְט הָאבִּין מִיר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. הָאבִּין מִיר זִיךְ גִיזוּכְט. אוּן מִיר הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן מִיר הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ.

ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. אִיז דָאס אִים זֵייעֶר וואוֹיל גִיפֶעלִין. וָוארִין דָאס ווִיל עֶר זִיךְ. הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין. אוּן הָאט זֵיי גְוִויזִין דֶעם סֵדֶר פוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע זַאכִין וָואס עֶר הָאט אוֹיף תְּפִילוֹת. ווִי זֵיי הָאבִּין דֶערְהֶערְט זַיינֶע רֵייד. הָאבִּין זִיךְ זֵיי דִי אוֹיגִין גִיעֶפִּינְט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. הָאבִּין זֵיי אִים תֵּיכֶף גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּער זִיךְ. וָוארִין זֵייעֶר מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִיוֶוען דִי מְלוּכָה. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה מִיט זֵיי גִילֶערְנְט. אוּן הָאט זֵיי גִיעֶפִּנְט דִי אוֹיגִין. אוּן הָאט זֵיי גְוִויזִין ווִי אַזוֹי תְּפִלָּה צוּ טָאן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים גְמוּרִים. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְרִיר אוֹיךְ גִיוֶוען צַדִּיקִים. וָוארִין זֵיי הָאבִּין זִיךְ עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין תְּפִלָּה. לוּשְׁמִיר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט זֵיי גִיעֶפִּינְט דִי אוֹיגִין בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים.

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִישִׁיקְט אַ בְּרִיב צוּם גִיבּוֹר. אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גִיוֶוען אוּן הָאט גִיפוּנֶען אַזוֹינֶע מֶענְטְשְׁן ווִי עֶר ווִיל. אוּן אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

אוּן דִי מְדִינָה הַנַּ"ל (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט וָואס בַּיי זֵיי אִיז דָאס גֶעלְט דֶער עִיקָר גִיוֶוען וְכוּ' כַּנַּ"ל) זֵיי הָאבִּין ווַייטֶער עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכִין אוּן אִין זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת (דְהַיְינוּ וָואס זֵיי פְלֶעגִין טוּן ווִילְדֶע זַאכִין אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין דְהַיְינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין גִיהַאט פִיל גֶעלְט כַּנַּ"ל).

אוּן דִי צֵייט וָואס דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נָאךְ גִיגִיבְּן. הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבִּין בַּאלְד אוֹיס צוּגֵיין דִי צֵייט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיטָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת אוּן קְטוֹרֶת אוּן הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת וָואס זֵיי פְלֶעגִין מִתְפַּלֵּל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין. זֵיי הָאבִּין גְחַאפְּט אַ חַיֶּה'לֶע. דְהַיְינוּ אַזוֹי אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט ווֵיינִיג גֶעלְט אוּן הָאבִּין אִים מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין.

אוּן סֶע אִיז בַּיי זֵיי גִיבְּלִיבְּן דִי דֵיעָה אַז זֵיי מוּזִין טוּן דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה וָואס מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן. אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע גָאטִין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר ווִילְד גְרוֹיס עֲשִׁירוּת (וָואס נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַּ"ל) אוּן דִי מְדִינָה וֶועט זֵיי בְּוַודַּאי הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין כַּנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן. אוּן הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה הַנַּ"ל.

דֶערְוַוייל אִין וֶועג. ווִי דִי שְׁלוּחִים זֶענֶען גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי פַארְבְּלָאנְדְזֶעט גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטֶעקִין. וָואס זַיין שְׁטֶעקִין הָאט אָנְגִיטְרָאפִין מֶער פוּן אַלֶע זֵייעֶרֶע גָאטִין. דְהַיְינוּ דֶער שְׁטֶעקִין זַיינֶער אִיז גִיוֶוען גִיזֶעצְט מִיט זֵייעֶר טַייעֶרֶע דוּמִיטִין. וָואס דֶער שְׁטֶעקִין אִיז וֶוערְט גִיוֶוען מֶער אֵיידֶער דָאס עֲשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרֶע אַלֶע גָאטִין. מֶע זָאל צוּם אוֹיף נֶעמֶען גָאר דָאס עֲשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרֶע גָאטִין אוּן אֲפִילוּ פוּן דִי גָאטִין פוּן יֶענֶער מְדִינָה וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי אִיז דֶער שְׁטֶעקִין מֶער וֶוערְט גִיוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע אַלֶע עֲשִׁירוּת. ווִידֶער אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גִיגַאנְגֶען אִין אַ קַאפִּילִישׁ וָואס סֶע אִיז אִין אִים גִיוֶוען דוּמִיטִין. וָואס דֶער קַאפִּילִישׁ אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גִיוֶוען ווִילְד פִּיל.

ווִי דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶערְזֶעהְן. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין פַאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. (דְהַיְינוּ זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיבּוּקְט פַאר אִים זֵייעֶר פִּיל) וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע דֵיעָה נָאךְ אִיז זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיס עֲשִׁירוּת (אוּן דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זֵיי הָאבִּין בַּאגֶעגְנְט דָאס אִיז גִיוֶוען דֶער מְמוּנֶּה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ הַנַּ"ל).

הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיזָאגְט צוּ זֵיי. הָאט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ. קוּמְט מִיט מִיר וֶועל אִיךְ אַייךְ ווַייזִין עֲשִׁירוּת. הָאט עֶר זֵיי גִיפִירְט אוֹיף דֶעם בַּארְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִיסַדְר'ט דֶער אוֹצָר פוּן דֶעם מֶלֶךְ. הָאט עֶר זֵיי גְוִויזִין דֶעם אוֹצָר. ווִי זֵיי הָאבִּין דֶערְזֶעהְן דֶעם אוֹצָר. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין (נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵיעָה. וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט כַּנַּ"ל).

נָאר קֵיין קָרְבָּנוֹת הָאבִּין זֵיי נִישְׁט מַקְרִיב גִיוֶוען. וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער אִיז אַזוֹי אַ גָאט וְכוּ' וָואלְטִין זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַודַּאי מַקְרִיב גִיוֶוען. נָאר מֶע הָאט דִי שְׁלוּחִים אָנְגִיזָאגְט. אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִישְׁט מַקְרִיב זַיין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט. אַז זֵיי וֶועלִין אִין וֶועג קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב זַיין. וֶועט פוּן זֵיי גָאר נִישְׁט בְּלַייבִּין. וָוארִין טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר אִין וֶועג. טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵּא אַרַיין אוּן וֶועט דָארְט גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר. וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלִין מַקְרִיב זַיין צוּ אִים. וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִישְׁט בְּלַייבִּין. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי מְדִינָה אָנְגִיזָאגְט דִי שְׁלוּחִים אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִישְׁט מַקְרִיב זַיין.

הָאבִּין זִיךְ דִי שְׁלוּחִים מְיַישֵּׁב גֶוועֶן. נָאךְ וָואס זָאלִין זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע גָאטִין. דְהַיְינוּ צוּ דֶער מְדִינָה וָואס מֶע הָאט זֵי אַהִין גִישִׁיקְט וָואס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס בַּיי זֵיי זֶענֶען זֵיי גָאטִין. אַ מֶער בֶּעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ זֵיי בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפִין. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ גָאט אִיבֶּער זֵיי אַלֶע (נָאךְ זֵייעֶר מְשׁוּגָּעְנֶע דֵיעָה נָאךְ), וָוארְן עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ ווִילְד גְרוֹיס עֲשִׁירוּת מֶער פוּן זֵיי אַלֶע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים). אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי גִיבֶּעטִין דֶעם מֶענְטְשְׁן אַז עֶר זָאל מִיט זֵיי גֵיין אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין.

אִיז עֶר צוּ זֵיי מְרוּצֶּה גִיוָוארִין. אוּן אִיז מִיט זֵיי גִיגַאנְגֶען. אוּן אִיז גִיקוּמֶען אִין זֵייעֶר מְדִינָה אַרַיין. אִיז בַּיי דֶער מְדִינָה גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה. וָואס זֵיי הָאבִּין גִיקְרִיגִין אַזוֹי אַ גָאט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען שׁוֹין גִיוֶוען פַארְזִיכֶערְט אַז דָארְךְ אִים וֶועלִין זֵיי בְּוַודַּאי הָאבִּין אַ הִילְף. וָוארִין עֶר אִיז אַזוֹי אַ גָאט וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת.

הָאט דֶער מֶענְטְשׁ גִיהֵייסִין (וָואס עֶר אִיז עֶס גִיוֶוען דֶער מְמוּנֶּה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דֶעם מֶלֶךְ כַּנַּ"ל) אַז אֵיידֶער סֶע וֶועט זַיין אַ רֶעכְט אִין דֶער מְדִינָה. זָאל מֶען דֶערְוַוייל קֵיין קָרְבָּנוֹת נִישְׁט מַקְרִיב זַיין (וָוארִין דֶער מְמוּנֶּה אִיז בֶּאֱמֶת גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. וָוארִין עֶר אִיז גִיוֶוען פוּן דִי לַייט פוּן דֶעם מֶלֶךְ וָואס זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים זֵייעֶר. הָאט דֶער מְמוּנֶּה בְּוַודַּאי זֵייעֶר פַיינְט גִיהַאט דִי נַארִישֶׁע מִנְהָגִים פוּן דֶער



המשך אויף זייט 6

מְדִינָה. נָאר עֶר הָאט זֵיי נָאךְ נִישְׁט גִיקֶענְט אַרוֹיס פִירְן פוּן זֵייעֶר שְׁלֶעכְטִין וֶועג. לוּשְׁמִיר דֶערְוַוייל הָאט עֶר גִיהֵייסִין אַז מֶע זָאל חָאטְשֶׁע קֵיין קָרְבָּנוֹת נִישְׁט מַקְרִיב זַיין).

הָאט דִי מְדִינָה אִים אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ בֶּעטִין מְכֹּחַ דֶעם גִבּוֹר הַנַּ"ל. וָואס זֵיי הָאבִּין פַאר אִים זֵייעֶר מוֹרָא כַּנַּ"ל. אוּן דֶער מְמוּנָה הָאט זֵיי אוֹיךְ גֶעעֶנְפֶּערְט אוֹיבּ סֶע נִישְׁט דֶער גִיבּוֹר. (וָואס עֶר וֵויסְט).

הָאט זִיךְ אוֹיף גִיהוֹיבִּין דֶער מְמוּנָה. אוּן אִיז אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. אוּן עֶר הָאט גִיבֶּעטִין דִי לַייט פוּן דֶעם גִבּוֹר. אוֹיבּ סֶע אִיז מִיגְלִיךְ זִיךְ צוּ זֶעהְן מִיט אִים. הָאבִּין זֵיי גִיזָאגְט. זֵיי וֶועלִין מֶעלְדִיוֶוען. הָאבִּין זֵיי גִימֶעלְדִיוֶועט הָאט עֶר גִיהֵייסִין. אִים אַרַיין לָאזִין. אִיז דֶער מְמוּנָה אַרַיין גִיגַאנְגֶען צוּם גִבּוֹר. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע דֶערְקָאנְט. אִיז צְוִוישְׁן זֵיי גִיוֶוען שִׂמְחוֹת אוּן בְּכִיוֹת כַּנַּ"ל (דְהַיְינוּ זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ גִיוֶוען וָואס זֵיי הָאבִּין זוֹכֶה גִיוֶוען זִיךְ גִיפִינֶען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערִין. אוּן הָאבִּין וִוידֶער זֵייעֶר גִיוֵויינְט. ווִי נֶעמְט מֶען נָאךְ דִי אִיבְּרִיקֶע לַייט הַנַּ"ל).

הָאט דֶער גִבּוֹר זִיךְ אָנְגִירוּפִין צוּם מְמוּנָה. אוּנְזֶער כָּשֶׁר'ער בַּעַל תְּפִלָּה אִיז אוֹיךְ דָא. אוּן אִיךְ הָאבּ אִים שׁוֹין גִיזֶעהְן. אוּן עֶר אִיז שׁוֹין גִיוָוארִין אַ מֶלֶךְ. הָאט דֶער מְמוּנָה דֶערְצֵיילְט דֶעם גִבּוֹר. אַז עֶר אִיז אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען אִיבֶּער אַלֶע דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ מִיט דִי לַייט הַנַּ"ל. נָאר אִיבֶּער זֵיי בֵּיידֶע אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען דְהַיְינוּ אִיבֶּער דֶעם אָרְט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה מִיט דֶעם גִבּוֹר אִיז עֶר נִישְׁט אִיבֶּער גִיגַאנְגֶען.

הָאט דֶער מְמוּנָה גִישְׁמוּסְט מִיט דֶעם גִבּוֹר מְכֹּחַ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן זֶענֶען אַזוֹי פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶעם גֶעלְט בִּיז זֵיי זֶענֶען אַרַיין גִיפַאלִין אִין אַזוֹינֶע נַארִישְׁקֵייט. הָאט דֶער גִבּוֹר גִיעֶנְפֶּערְט דֶעם מְמוּנָה. דָאס וָואס עֶר הָאט גִיעֶנְפֶּערְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז עֶר הָאט גִיהֶערְט פוּן דֶעם מֶלֶךְ. אַז וֶוער סֶע פַאלְט אַרַיין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט קָאן מֶען אִים בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן נָאר דוֹרְךְ דֶעם וֶועג וְכוּ' כַּנַּ"ל. הָאבִּין זֵיי וַוייטֶער מַרְחִיב זְמַן גִיוֶוען דְהַיְינוּ דֶער מְמוּנָה הָאט גִיפּוֹעֶלְט בַּאם גִבּוֹר אַז עֶר זָאל דֶער מְדִינָה נָאךְ גִיבִּין אַ צַייט וַוייטֶער. הָאט זֵיי דֶער גִבּוֹר גִיגִיבִּין נָאךְ אַ צַייט.

המשך פון זייט 7

**קוּמְט אַלֶע חֲבֵרִים אִינְאֵיינֶעם,**
**זֶען אוּנְזֶער גֶעשַׁאנְק דֶעם שֵׁיינֶעם,**
**פַאר דֶעם מֶלֶךְ הַמָּשִׁיחַ,**
**וָואס זַיינֶע עֵצוֹת בְּרֶענְגְט אַ רֵיינֶעם רוּחַ**
**נְקוּדוֹת טוֹבוֹת אַלֶע קִינְדֶער פַארְמָאגְן**
**מִיט אַ גוּטֶע רָצוֹן וֶועלְן מִיר דָאס טְרָאגְן**
**מִיט גְלַאנְץ אוּן קָאלִירְן דָאס בְּרֶענְגֶען**
**אַ מַתָּנָה פַאר אִים שֶׁענְקֶען**
**דֶעם מִשְׁכָּן אוֹיפְבּוֹיעֶן קֶענֶען מִיר קִינְדֶער**
**יֶעדֶע מִצְוָה אַ שְׁטֵיינְדֶעלֶע בַּאזוּנְדֶער**
**אוּנְזֶער פּוּרִים-שְׁפִּיל וֶועט זִיכֶער מְקָרֵב זַיין**
**דִי גְאוּלָה מִיט אִיר פְּרַאכְט אַזוֹי שֵׁיין**

~~

*דִי קִינְדֶער בַּאמֶערְקְן אֲפִילוּ נִישְׁט אַז דֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִין כִּתָּה...*

**רֶבִּי**: קִינְדֶער! אַלֶע זֶעצְן זִיךְ שׁוֹין אַרָאפּ אוֹיף דִי פְּלֶעצֶער, אָבֶּער שׁוֹין!!! אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַלֶעס גֶעהֶערְט, חֹדֶשׁ אֲדָר א' אִיז נָאךְ בִּכְלַל נִישְׁט דֶער צַייט צוּ טְרַאכְטְן וֶועגְן פּוּרִים-שְׁפִּילְן, יֶעצְט אִיז צַייט צוּ לֶערְנֶען.... אָבֶּער אַזַא שְׁפִּיל אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין פּוּרִים-שְׁפִּיל, דָאס אִיז אַ וֶועג פוּן לֶעבְּן - פּוּרִים אוּן אוֹיךְ אַ גַאנְץ יָאר. דֶערִיבֶּער לָאז אִיךְ שׁוֹין טַאקֶע פוּן הַיינְט אָנְהֵייבְּן, אַז אַלֶע קִינְדֶער זָאלְן זִיךְ צוּפְלַייסְן אוּן נְקוּדוֹת טוֹבוֹת קְלַייבְּן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר' נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט "אַז עֶר גִיבְּט דִי זֶעלְבֶּע עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ וֶועט גֶעבְּן!" דֶעמָאלְט לָאמִיר שׁוֹין הַיינְט אָנְהֵייבְּן צוּ לֶעבְּן אַזַא שֵׁיינֶע לֶעבְּן פוּן דִי גְאוּלָה...

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם**

**גורל, 02-5-3333-72**

**646-518-1095 1-518-329-9149**

המשך פון זייט 3

**שְׁמוּאֵלִי:** "נְקוּדוֹת טוֹבוֹת!!"

**קִינְדֶער מִיט וואוּנְדֶער:** וָואס?!!

**שְׁמוּאֵלִי:** יֶעדֶער גֵייט בְּרֶענְגֶען עֶפֶּעס וָואס דֶערמַאנְט פוּן זַיינֶע נְקוּדוֹת טוֹבוֹת.

**יוֹסִי:** וָואס הֵייסְט?

**שְׁמוּאֵלִי:** אַז דוּ פְרֵייסְט זִיךְ אַז דוּ גִיסְט זִיךְ אָפּ נֶעגְל וואסֶער, וֶועסְטוּ בְּרֶענְגֶען פַאר אַ נְדָבָה אַ קְלֵיינֶע נֶעגְל וואסֶער שִׁיסְל מִיט אַ טֶעפְּל...

**וֶועלְוְול:** אִיךְ בְּרֶענְג אַ קְלֵיינֶע בֶּענְטְשֶׁער וָואס אִיךְ נוּץ בַּיים בֶּענְטְשְׁן אוּן לֵיינֶען קְרִיאַת שְׁמַע!

**אַבְרָמִי:** אִיךְ בְּרֶענְג 'שְׁנֵיי'.

**נָתִי:** שְׁנֵיי? וָואס גֵייסְטוּ טוּן מִיט שְׁנֵיי, עֶס גֵייט זִיךְ צֶעלָאזְן?!

**אַבְרָמִי:** לֶעצְטֶע וָואךְ וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען אִין חֵדֶר הָאט דִי שְׁנֵיי זִיךְ אַרַיינְגֶעגְלִיטְשְׁט אִין מַיין שְׁטִיוְול, ס'הָאט מִיר גֶעקִיצְלְט אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער אִיךְ הָאב זִיךְ פָּארְט צוּגֶעהֶערְט צוּם פָּארְלֶערְנֶען. דָאס אִיז מַיין מַתָּנָה וָואס אִיךְ וִויל גֶעבְּן פַאר מָשִׁיחַ.

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ בְּרֶענְג אַ קְלֵיינֶע חַלֶה'לֶע, אִיךְ פְּרוּבִּיר זֵייעֶר זִיךְ צוּ וַואשְׁן יֶעדֶע וָואךְ צוּ שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת אוּן מְלַוֶּה מַלְכָּה.

**לֶעזֶער:** חֶבְרָה, וָואס בְּרֶענְגֶען עֶנְק דָא? אַזֶעלְכֶע קְלֵיינֶע זַאכֶעלֶעךְ?! אַזוֹי בּוֹיעְט מֶען אַ בֵּית הַמִּקְדָּשׁ?! וָואס אִיז מִיט עֶנְק הַיינְט גֶעשֶׁעְן? בְּרֶענְגְטְס אַ 'סִיוּם הַשַּׁ"ס', אָדֶער אִיךְ וֵייס וָואס... עֶפֶּעס אַ פֶעטֶע גְרָאבֶּע מִצְוָה!!

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ הָאב דַוְקָא גֶעוָואלְט מֶען זָאל בְּרֶענְגֶען אַזַא סָארְט זַאךְ וָואס מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט מִיט דֶעם גְרוֹיסְהַאלְטְן! דָאס אִיז פַאר'ן אוֹיבֶּערְשְׁטְן זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טַייעֶר.

**נָתִי:** מֶען קֶען בְּרֶענְגֶען גְרוֹיסֶע זַאכְן אוֹיךְ, אָבֶּער נָאר אוֹיבּ מֶען הַאלְט זִיךְ נִישְׁט גְרוֹיס מִיט דֶעם!

**שְׁמוּאֵלִי:** אִיךְ הָאב הַיינְט גֶעזֶען עֶפֶּעס אִין סֵפֶר 'לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת', אִיךְ וִויל עֶס טַאקֶע אוֹיפְהֶעבֶּן אוֹיף אַ טָאוְול בַּיים שְׁפִּיל, אַז מֶען זָאל פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן. אִיךְ שְׁרֵייבּ עֶס אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט צוּ קִינְדֶער.. וֶוער קֶען שׁוֹין שְׁרֵייבְּן אוֹתִיּוֹת??

**קִינְדֶער שְׁרֵייעֶן אוֹיס:** וֶועלְוְול הָאט אַ הֶערְלִיכֶע שְׁרִיפְט!!

**שְׁמוּאֵלִי:** וֶועלְוְול דָא הָאסְטוּ דִי וֶוערְטֶער וָואס אִיךְ הָאבּ אִיבֶּערְגֶעטַייטְשְׁט:

"דֶער עִיקָר וֶועג וִויאַזוֹי מֶען בּוֹיט דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז דוּרְכְדֶעם וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּזַאמֶענְקְלַייבְּן אַלֶע פַארְשְׁטוֹיסֶענֶע אוּן פַארְלוֹירֶענֶע קִינְדֶער (אִידְן) - דוּרְכ'ן טְרֶעפְן אִין זֵיי 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' אוּן עֶר וֶועט דָאס אַיינְזַאמְלֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. אוּן מִיט דִי אַלֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וֶועט צוּזַאמְנֶעמֶען - וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען - וֶועט גֶעבּוֹיט וֶוערְן דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ"

**פִּנְחָס:** וָואס מֵיינְט נְקוּדוֹת טוֹבוֹת?

**שְׁמוּאֵלִי:** אוֹיבּ דוּ בִּיסְט אִין אַ מַצָּב וֶוען דוּ קוּקְסְט זִיךְ אָן אוּן דִי זֶעסְט נִישְׁט אִין דִיר קַיין שׁוּם גוּטְס, הֵייבּ אָן זוּכְן עֶפֶּעס עֶפֶּעס אַ קְלֵיינְטְשִׁיגֶע זַאךְ וָואס דָארְט בִּיסְטוּ יָא גוּט, אוּן מַאךְ אַן עֵסֶק פוּן דֶעם קְלֵיינְטְשִׁיגְן זַאךְ.

**אוּרִי:** לְמָשָׁל אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי!! נָאךְ אֵיין מַזָּל!

**יוֹסִי:** הָא, הָאבּ שׁוֹין אַ נְקוּדָה טוֹבָה "אַ זֵייגֶער".

**אוּרִי:** אַ זֵייגֶער אִיז אַ נְקוּדָה טוֹבָה?

**יוֹסִי:** נֵיין אִיךְ מַיין נִישְׁט מִיט זֵייגֶער אַלֵיין, נָאר מִיט דֶעם זֵייגֶער שְׁטֶעל אִיךְ אָן אַ צַייט פוּן אַפָּאר מִינוּט יֶעדְן טָאג צוּ רֶעדְן צוּם אוֹיבֶּערְשְׁטְן.

**קִינְדֶער רוּפְן אוֹיס:** לֶעזֶער וָואס בְּרֶענְגְסְטוּ?

**שְׁמוּאֵלִי:** לֶעזֶער, אִיךְ זֶע דוּ קֶענְסְט זִיךְ נִישְׁט מְצַמְצֵם זַיין, דוּ כַאפְּסְט נָאךְ נִישְׁט וָואס ס'מֵיינְט 'נְקוּדוֹת טוֹבוֹת' אוּן וִוי טַייעֶר דָאס אִיז, דִי קֶענְסְט דָאךְ שֵׁיין זִינְגֶען, נֵיין?!

לֶעזֶער: יָא נָאךְ וִוי, אִיךְ בִּין מַמָּשׁ אַ חִידוּשׁ אִין דֶעם!

**שְׁמוּאֵלִי:** גֶעוַואלְדִיג! אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט אַ נִיגוּן וָואס דוּ קֶענְסְט זִינְגֶען בַּיים שְׁפִּיל.

**לֶעזֶער:** גֶעגַאנְגֶען גֶעבּ אַהֶער דֶעם נִיגוּן, דֶער עוֹלָם וֶועט זִיךְ הֵייבְּן!! לָאמִיר זֶען! וִויאַזוֹי הֵייבְּט זִיךְ עֶס אָן?

**שְׁמוּאֵלִי:** דִי גְרַאמֶען גֵייט אוֹיף דִי נִיגוּן פוּן לַיְּהוּדִים, "לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה, אוֹרָה אוֹרָה וְשִׂמְחָה..." דִי כַאפְּסְט וָואס אִיךְ מֵיין?

המשך פון זייט 6

המשך פון זייט 1

הָמָן הָרָשָׁע הָאט גוּט גֶעוואוּסְט וִוי שְׁטַארְק אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֶענֶען מִיט דִי מִצְווֹת אוּן וִוי מִיר טוּעֶן דָאס מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מְסִירוּת נֶפֶשׁ - דִי גֶעוַואלְדִיגֶע פְרֵייד מִיט דִי תּוֹרָה וּמִצְווֹת וָואס מִיר פַארְמָאגְן. דֶערְפַאר הָאט הָמָן זֵייעֶר מְקַנֵּא גֶעוֶועז, בִּיז עֶר הָאט גֶעוָואלְט אוּמְבְּרֶענְגֶען מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק מִיט אַלֶע אִידְן רַחֲמָנָא לִצְלָן.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט דֶעמָאלְט גֶעטוּן אַ גֶעוָואלְדִיגְן נֵס אַז מִיר זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן הָמָן עֲמָלֵק. אָבֶּער דִי וֶועג זֵיי צוּ מַכְנִיעַ זַיין אוּן אִינְגַאנְצְן אוֹיסְמֶעקְן אִיז נָאר מִיט שִׂמְחָה. עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן קַיין גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה אוֹיף דֶער וֶועלְט, וִוי וֶוען מִיר קְלֵיינְטְשִׁיגֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעך טוּעֶן אַ מִצְוָה אוּן אַ נַחַת רוּחַ פַאר אוּנְזֶער מֶעכְטִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער.

מִיר קוֹיפְן זִיךְ אֵיין אַן אֵייבִּיגֶע וֶועלְט לָנֶצַח נְצָחִים - מִיט אַפָּאר בֶּענְדְלֶעך פוּן דִי הֵיילִיגֶע צִיצִית וָואס מֶען קֶען קוֹיפְן פַאר קְלֵיין גֶעלְט. אִיז נָאךְ דָא אַ גְרֶעסֶערֶע שִׂמְחָה פוּן דֶעם?!

לָאמִיר זִיךְ בַּאנֵייעֶן מֵעַכְשָׁיו - פוּן יֶעצְט! מִיר וֶועלְן טוּן אַלֶע מִצְווֹת מִיט שִׂמְחָה אוּן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן "רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיְגָא וְשִׂמְחָה". דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל שׁוֹין בְּרֶענְגֶען אִינְגִיכְן דִי גְאוּלָה שְׁלֵמָה וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין דִי שִׂמְחָה הַשְּׁלֵמָה, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

## די צוועלעפטע מעשה (8) - פון דער בעל תפילה

**א. ווער האט זיך געשראקן פון וועם?**
- ❑ דער בעל תפלה פון די מענטשן וואס האבן געדאווענט
- ❑ די מענטשן וואס האבן געדאווענט פון דעם בעל תפלה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער בעל תפלה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ❑ מורא'דיגע מופתים
- ❑ די סדר פון זיינע תפלות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ❑ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין ווערטער
- ❑ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער וועג
- ❑ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ד. וואס האט דער בעל תפלה געמאכט פון זיי ?**
- ❑ ערליכע אידן
- ❑ צדיקים
- ❑ זייער גרויסע צדיקים גמורים

**ה. וואס האבן די מדינה של עשירות געטון ווען ס'איז געקומען נענטער די צייט וואס דער גבור האט זיי געגעבן?**
- ❑ זיי האבן זיך מכניע געווען אונטער דעם גבור
- ❑ זיי האבן געבעטן דער בעל תפלה זאל דאווענען פאר זיי
- ❑ זיי האבן מקריב געווען און געדאווענט צו זייערע גאטין

**ו. צו וועמען האבן זיי געשיקט שלוחים?**
- ❑ צום גבור אז ער זאל זיי גיבן נאך צייט
- ❑ צו די מדינה וואס אלע זענען גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ צו דעם בעל תפלה אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור

**ז. וועם האבן די שליחים געטראפן אינמיטן וועג?**
- ❑ מענטשן פון די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטין (לויט זייער דעה)
- ❑ דעם גבור מיט דעם בעל תפלה
- ❑ א מענטש וואס זיין שטעקן איז ווערד מער פון זייער גאנצע עשירות

**ח. וואס האט דער מענטש געוויזן פאר די שלוחים?**
- ❑ די וועג צו די מדינה וואו זיי ווילן אנקומען
- ❑ די בארג וואס אויף דעם איז מסודר די אוצרות פון מלך
- ❑ די וועג צום שווערד פונעם גבור

**ט. האבן די שליחים מקריב געווען צו דעם מענטש?**
- ❑ זיכער
- ❑ ניין
- ❑ נאר איין קרבן

**י. וואס האבן זיי געבעטן פון דעם מענטש?**
- ❑ אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור אז ער זאל נאך ווארטן
- ❑ אז ער זאל זיי וויזן די וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל גיין מיט זיי צו זייער מדינה

**יא. פארוואס האבן זיך די מדינה של עשירות זייער געפריידט?**
- ❑ ווייל דער גבור האט פארלענגערט די צייט
- ❑ ווייל זיי האבן געטראפן אזא גאט (לויט זייער דעה)
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט דער מענטש געהייסן אויף דערווייל?**
- ❑ מ'זאל אוועק ווארפן די געלד
- ❑ מ'זאל זיך מכניע זיין צום גבור
- ❑ מ'זאל נישט מקריב זיין קרבנות

**יג. וואס האט ער געענטפערט ווערן דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז בכלל נישט א גבור
- ❑ אויב עס איז נישט דער גבור
- ❑ איך קען אים זיכער

**יד. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ❑ גרויסע שמחות
- ❑ געוויין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ❑ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ❑ דעם מלך און די מלכה
- ❑ דעם חכם און דעם מליץ

**טז. וואס לערנסטו דיך פון די מעשה אויף דערווייל?**
- ❑ אז דער בעל תפלה מאכט פון זיינע מענטשן צדיקים ____________.
- ❑ אז ווען די לייט פון ____ טרעפן דיך ווערט א גרויסע שמחה
- ❑ ____________